בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת בשלח תשפ"ג  שבת שירה  גליון 686 [שנה ט"ו]

**פאראוואס שטייט פקוד יפקוד א דאפעלטער לשון?**

פָּקֹד יִפְקֹד אֱלֹקִים אֶתְכֶם וְהַעֲלִיתֶם אֶת עַצְמֹתַי מִזֶּה אִתְּכֶם: (י"ג י"ט) פאראוואס דארף שטיין פָּקֹד יִפְקֹד, דער עיקר איז אז מען זאל ארויף ברענגען די עצמות, וואלט נאר געדארפט שטיין אז יוסף האט געזאגט וְהַעֲלִיתֶם אֶת עַצְמֹתַי מִזֶּה אִתְּכֶם? אויך פאראוואס שטייט א דאפעלטער לשון פָּקֹד יִפְקֹד? נאר יוסף האט געוואוסט אז די מצריים וועלן גוט באהאלטן זיינע עצמות, ממילא ווי אזוי וועלן די אידן וויסן וואו זיי ליגן און ארויפנעמען דאס צו באגראבן אין א"י? דעריבער האט יוסף געזאגט, פָּקֹד: ווען עס וועט קומען די צייט אייך אויסצולייזן, יִפְקֹד: וועט דער אויבערשטער אנטפלעקן צו אייך וואו מיינע עצמות ליגן. דעריבער שטייט א כפל הלשון. (תפוחי חיים פאנעט דעעש קארלסבורג)

**דער ים האט זיך געשפאלטן נאר דורך מסירות נפש פון כלל ישראל**

מַה תִּצְעַק אֵלָי דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִסָּעוּ: (י"ד ט"ו) דארף מען פארשטיין פאראוואס זאלן די אידן נישט שרייען נאר זיי זאלן ווייטער פאהרן? נאר עס איז געווען א מעשה אין שטאט פעזינג וואס איינער איז געווארן א גר צדק און נאכדעם וואס מען האט איהם געמל'ט האט מען נישט געקענט אפשטעלן די בלוט און דער גר איז געווען אין א סכנה, און א דאקטער האט מען נישט געקענט רופן ווייל דער געזעץ איז געווען אז מען טאר נישט מגייר זיין אן רשות פון די ממשלה, און דעם גר האט מען מגייר געווען אן רשות! און עס איז געווען א שטארקע פחד ווייל אויב דער גר וועט שטארבן, וועט זיין צרות פאר די אידן אין **פעזינג**, איז דער רב פון **פעזינג** שנעל געפארן מיטן גר צום הייליגן **חת"ם סופר**, וואס האט געזאגט אז עס איז נישטא קיין אנדערע עצה, נאר זיי זאלן פארן צום טייך דונא און דער רב און גר זאלן זיך אריינווארפן אין טייך על קידוש השם! און זיי האבן זיך געזעגנט פון **חת"ם סופר**. אויפן וועג לעבן טייך טרעפן זיי א אלטן איד וואס זאגט זיי אז אין דעם פלאץ איז זייער מסוכן צו גיין ווייל די שטארקע ווינטן קענען אייך אריין שלעפן אין טייך, און עס איז סכנת נפשות! האבן זיי אים דערציילט די גאנצע מעשה, רופט ער זיך אן אז ער איז א מוהל און ער האט א פאודער וואס וועט אפשטעלן די בלוט, אומר ועושה, און דער גר איז גלייך אויסגעהיילט געווארן, אבער ווי זיי האבן נאר געזוכט דעם אלטן איד, איז ער פארשוואונדן געווארן. האט דער רב פארשטאנען אז דאס איז געווען **אליהו הנביא**! דער רב איז צוריק געקומען צום הייליגן חת"ם סופר און האט אים דערציילט וועגן דעם אלטן איד, און ער האט געפרעגט פאראוואס האט דער רבי אונז געהייסן מען זאל זיך אריין ווארפן אין טייך, בשעת דער רבי האט געקענט ברענגען אליהו הנביא דא? האט דער חת"ם סופר געגעבן א שפרונג און געזאגט: דו האסט געוואלט אז **אליהו הנביא** זאל קומען אן מסירות נפש? אז איר זענט געווען גרייט זיך מוסר נפש זיין, איז אליהו געקומען צו אייך, ע"כ המעשה. זעהט מען אז נאר מיט מסירת נפש קען מען פויעלן א ישועה, דעריבער איז שוין פארשטענדלאך פאראוואס דער פסוק זאגט מַה תִּצְעַק אֵלָי, ווייל מיט שרייען אליין וועט נישט זיין א נס! נאר דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִסָּעוּ, מען דארף זיך מוסר נפש זיין, און זיין גרייט זיך אריינווארפן אין ים, און מיטן זכות פון מסירת נפש וְאַתָּה הָרֵם אֶת מַטְּךָ וּנְטֵה אֶת יָדְךָ עַל הַיָּם וּבְקָעֵהוּ וועט זיין א נס אז די ים וועט זיך שפאלטן וְיָבֹאוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל בְּתוֹךְ הַיָּם בַּיַּבָּשָׁה. (חמד שלמה טענקע)

**א פלא'דיגע דיוק אין וואס מיינט ערב וידעתם?**

וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה הִנְנִי מַמְטִיר לָכֶם לֶחֶם מִן הַשָּׁמָיִם וְיָצָא הָעָם וְלָקְטוּ דְּבַר יוֹם בְּיוֹמוֹ לְמַעַן אֲנַסֶּנּוּ הֲיֵלֵךְ בְּתוֹרָתִי אִם לֹא: וגו' וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן אֶל כָּל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל עֶרֶב וִידַעְתֶּם כִּי ה' הוֹצִיא אֶתְכֶם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם: וּבֹקֶר וּרְאִיתֶם אֶת כְּבוֹד ה' וגו': (ט"ז ב-ו) עס איז דא א פלא'דיגע דיוק אין די פסוקים ווייל דער אויבערשטער האט געזאגט צו משה אז עס וועט זיין לחם מן השמים, און נאכדעם זאגט משה צו די אידן עֶרֶב וִידַעְתֶּם כִּי ה' הוֹצִיא אֶתְכֶם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם: איז די פלא אז עס שטייט נישט וואס וועט זיין באנאכט אז זיי וועלן פון דעם וויסן אז דער אויבערשטער האט זיי ארויסגענומען פון מצרים? אלא מאי מוז מען זאגן אז דאס גייט ארויף אויף די מן וואס וועט פאלן אינדערפרי, וואלט דאך געדארפט פריערט שטיין וּבֹקֶר וּרְאִיתֶם אֶת כְּבוֹד ה', דורך די מן, און נאכדעם עֶרֶב וִידַעְתֶּם כִּי ה' הוֹצִיא אֶתְכֶם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם, די צווייטע נאכט נאכן מן וועלן זיי שוין וויסן? נאר פשט איז אזוי, אז באמת רעדט משה וועגן די מן אבער משה האט געזען אז זייער אמונה האט זיך אפגעשוואכט ווייל וַיִּלּוֹנוּ כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל עַל מֹשֶׁה וְעַל אַהֲרֹן בַּמִּדְבָּר: דאס מיינט אז זיי האבן געמיינט אז משה ואהרן האט זיי ארויסגענומען פון מצרים, דעריבער האבן זיי טענות און מען קריגט זיך מיט זיי, און משה האט געוואוסט אז דער אויבערשטער גייט שיקן מן וואס איז לֶחֶם מִן הַשָּׁמָיִם, אבער כדי אז די אידן זאלן קענען עסן די מן אינדערפרי וואס דאס איז זייער הייליג, האבן די אידן געדארפט רייניגן זייער גוף, דעריבער האט זיי משה געזאגט עֶרֶב וִידַעְתֶּם כִּי ה' הוֹצִיא אֶתְכֶם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם, אז זיי מוזן א גאנצע נאכט ארבעטן אויף זייערע אמונה, און גלויבן אז דער אויבערשטער האט זיי ארויסגענומען פון מצרים און נישט משה ואהרן, ממילא וועלן זיי זוכה זיין צו השראת השכינה וועט קענען זיין וּבֹקֶר וּרְאִיתֶם אֶת כְּבוֹד ה', זיי וועלן זען אינדערפרי דער כְּבוֹד ה' מיט די מן אז זיי וועלן דאס קענען עסן, אבער אן אמונה וועלן זיי נישט באקומען די מן. (אזור אליהו הארשאווסקי מדרוהביטש)

**וואס מיינט ולא מצאו אויב עס איז נישט געווען קיין מָן**

וַיְהִי בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי יָצְאוּ מִן הָעָם לִלְקֹט וְלֹא מָצָאוּ: (ט"ז כ"ז) לכאורה איז א פלא ווייל דער לשון וְלֹא מָצָאוּ ווייזט אז עס איז געווען מָן דארטן נאר מען האט עס נישט געטראפן, און מיר ווייסן אז עס איז נישט געפאלן מָן אין שבת, וואלט נאר געדארפט שטיין יָצְאוּ מִן הָעָם לִלְקֹט, וואס מיינט זיי האבן געגאנגען זוכן צו קלייבן אין שבת? נאר דתן ואבירם האבן אלעס געזוכט זיך צו טשעפען מיט משה און זאגן פאר די אידן אז משה טראכט אויס אליין וואס ער זאגט, און חלילה נישט פון אויבערשטן! און דא ווען משה האט געזאגט צו כלל ישראל: אִכְלֻהוּ הַיּוֹם כִּי שַׁבָּת הַיּוֹם לַה' הַיּוֹם לֹא תִמְצָאֻהוּ בַּשָּׂדֶה, האבן זיי געטראכט א בייזע פלאן אנקעגן משה: זיי וועלן באהאלטן ערב שבת אין פעלד א ביסל מָן, און זיי וועלן ארויסגיין אין שבת אנקעגן אלע אידן, און נעמען יענע באהאלטענע מָן, און זאגן אז דאס איז היינט געפאלן, און אזוי וועלן זיי פארשעמען משה! אבער דער יודע מחשבות האט נישט צו געלאזט זייער בייזן פלאן, און וַיְהִי בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי יָצְאוּ מִן הָעָם, דתן ואבירם, לִלְקֹט, און געזוכט, אבער וְלֹא מָצָאוּ, יענע מָן, דעריבער איז גוט דער לשון, וְלֹא מָצָאוּ, אויף די מָן וואס איז שוין דארטן געווען. (ירחון מגד ירחים תרפ"ח מהגאון ר' שמעלקא מסעליש זצ"ל)

## *מדור העובדות*

## *****דער הייליגער צאנזער רב זיע"א באזארגט זיין זון ר' שלום אליעזר הוצאות החתונה נאך זיין הסתלקות באופן פלא*****

די מעשה האט דערציילט הרה"ק ר' משולם זושא הלברשטאם הי"ד דער זון פון הרה"ק ר' שלום אליעזר'ל מראצפארט בן הרה"ק מצאנז זצוק"ל פאר הגאון ר' יצחק שלמה אונגאר זצ"ל גאב"ד חוג חת"ם סופר בני ברק: ר' נחום, א חסידישער איד פון גאליציא האט זיך געמוזט אריבערציען קיין באדענהיים אין דייטשלאנד, און אזוי ווי עס איז נישט געווען א חסידישע שטיבל דארטן האט ער געדאווענט אין די שטאטישע שול, אזוי האט ער זיך באפריינדעט מיט ר' חיים וואס איז געווען זיין שכן אין שול, און איז געווארן נאנט מיט אים, ר' חיים האט געהאט א קליין באנק אין באדענהיים און געהאט פון דעם שיין פרנסה, און די צוויי אידן פלעגן שמועסן אין תורה און סתם ענינים, אזוי איז דאס אנגעגאנגען, ביז איין טאג מערקט ר' נחום ווי ר' חיים איז זייער צוטראגן און ווען ר' נחום פרעגט אים וואס איז געשען? האט ר' חיים זיך נישט וויסנדיג געמאכט, און אזוי ווי ר' נחום איז געווען נאנט מיט ר' חיים האט ר' נחום אים נישט אפגעלאזט זאגענדיג אז אפשר קען ער אים העלפן, ביז ר' חיים האט זיך געבראכן און געזאגט פאר ר' נחום אז ער זאל קומען צו אים אין באנק, און דערציילן אלעם.

ר' נחום איז אנגעקומען אין באנק און ר' חיים נעמט אריין ר' נחום אין זיין פריוואטע צימער און ווייזט אים די ביכער און זאגט אז ער איז לעצטענס פארפלאנטערט געווארן אין שלעכטע געשעפטן און ער איז יעצט א גרויסער בעל חוב, און באלד קומען די ימים נוראים און מענטשן וועלן דארפן זייער געלט און ער טראכט ערנסט פון חלילה.. און אין קבר וועט ער האבן מנוחה!

ר' חיים האט אים בארוהיגט און מחזק געווען, און געזאגט אז ער קען א רבי וואס וועט אים זיכער קענען העלפן, ער איז א גרויסער מענטש ער הייסט דער צאנזער רב, דו שרייב אים אפ א לאנגע בריוו מיט דיין מצב און בעט אים ער זאל דיר העלפן, רופט זיך אן ר' חיים, וואס קען מיר א רבי העלפן? האט ר' נחום אים געענטפערט וואס האסטו צו דערלייגן, וועט דער רבי דיר העלפן איז גוט, און אויב נישט וואס וועט דיר שאטן צו שרייבן א בריוו? ר' חיים האט פארשטאנען, און ער נעמט זיך שרייבן א עקפרעס בריוו צום צאנזער רב און זאגט פאר ר' נחום ער וועט ווארטן פאר די ישועה, און איז געווארן בארוהיגט.

צו זיין וואונדער איז אין א פאר טעג אנגעקומען אן עקפרעס בריוו פון צאנזער רב מיט א טשעק פון א שיינע סכום געלט און דער רבי שרייבט איך פארשטיי אז דאס איז נישט אלעם וואס דו דארפסט, אבער מיט דעם וועסטו קענען דערווייל אנגיין און איך גיב דיר א ברכה אז דו זאלסט האבן א ברכה אין דיינע געשעפטן, און דער אויבערשטער האט געשיקט פאר ר' חיים גוטע געשעפטן און מיט די צייט האט ער אפגעצאלט די חובות און געהאט געלט צו עפענען א באנק אין פראנקפורט וואס פון דעם איז ער געווארן א גרויסע עושר, אזוי איז אריבער באלד דרייסיג יאר און ר' חיים חלומ'ט ווי א אלטער איד מיט א הדרת פנים קומט צו אים און זאגט אז יעצט בין אין געקומען אפנעמען די געלט וואס איך דיר געשיקט יארן צוריק, אבער ער האט אינגאנצן פארגעסן פון דעם, און דאס האט זיך איבערגעחזרט נאכט נאך נאכט, ביז ער האט זיך דערמאנט פון בריוו וואס דער צאנזער רב האט געשיקט געלט און אים געשטעלט אויף די פיס.

ר' חיים נעמט די באן און פארט קיין באדענהיים אפזוכן זיין ידיד ר' נחום פון גאליציא און דערציילט אים וועגן די חלומות און אז ער איז גרייט צוריקגעבן פארן צאנזער רב די געלט און ער וויל אז ער זאל אים העלפן דאס טאהן. האט ר' נחום אים געזאגט אז דער צאנזער רב לעבט שוין נישט א שיינע פאר יאר, ממילא ווייס איך נישט וואס דו זאלסט טאן! און ער פארט צוריק אהיים, אבער יענע נאכט קומט צו אים דער צאנזער רב ווייטער אין חלום און זאגט אז היות זיין זון וואוינט אין אונגארן און ער האלט ביי חתונה מאכן זיין טאכטער און ער דארף נויטיג געלט, פאר צו אים און צאל אים דיין חוב! ר' חיים נעמט דער באן און פארט צוריק קיין באדענהיים און דערציילט ר' נחום וואס דער צאנזער רב האט אים געזאגט, האט ר' נחום געענטפערט ער קען נישט דעם זון פון צאנזער רב און ווייסט נישט וואו ער וואוינט, אבער אז דו וועסט פארן קיין בודעפעסט וועסטו פרעגן יעדער חסידישע איד וואו וואוינט דער צאנזער רב'ס זון אין אונגארן? און ער וועט דיר וויסן צו זאגן וואו ער וואוינט.

ר' חיים איז געפארן קיין בודאפעסט און גלייך געפארן צו די חברת תהלים שול און גייט אריין און דערציילט זיין מעשה און מען האט אים געהייסן פארן קיין ראצפערט, און געזאגט דעם אדרעס פון ר' שלום אליעזר'ל, ר' חיים האט זיי געדאנקט און ער איז געפארן קיין ראצפארט און גייט צו דעם אדרעס פון ר' שלום אליעזר'ל און קלאפט אויפן טיר און זאגט ער האט א זייער וויכטיגע זאך צו רעדן מיטן רבין, און ר' שלום אליעזר'ל נעמט ער אים אריין אין זיין צימער און גיט אים שלום, אין צימער איז אויך געווען זיין זון ר' משולם זושא, און דער רבי הייסט אים אוועק זעצן און צו דערציילן זיין פארלאנג.

ר' חיים פרעגט דעם רבין, איז דאס ריכטיג אז דער רבי האלט יעצט פאר די חתונה פון זיין טאכטער? האט דער רבי געענטפערט אז יא! פרעגט אים ר' חיים וויפיל געלט זענען די אלע הוצאות? פרעגט אים ר' שלום אליעזר'ל פארוואס פרעגט ער די אלע שאלות, און ר' חיים בעט דעם רבין ער זאל אפשרייבן אלע הוצאות פונקלאך, דער רבי האט זיך געבויגן און נעמט ארויס א גרויסע פאפיר מיט זיין פעדער און נעמט שרייבן וויפיל זענען די הוצאות, און ר' חיים זאגט: "שפארן זי ניכט, הער ראבינער" אז דער רבי זאל נישט קארגן, שרייב בריוח ווייל היינט איז דיין יום טוב!

דער רבי איז מסכים און שרייבט קלאר אלעם וואס ער וועט דארפן פונקלאך, און ווען דער רבי מאכט דעם גאנצן חשבון נעמט ארויס ר' חיים פון זיין בייטל דעם גאנצן סכום און דערלאנגט דאס פאר ר' שלום אליעזר'ל וואס פרעגט אים וואס איז דא געשען? און ר' חיים דערציילט אלעם וואס איז געשען מיטן צאנזער רב און די חלומות, און ער נעמט ארויס די באצאלטע טשעק וואס דער צאנזער רב האט אים געשיקט יארן צוריק, און דער חידוש איז געווען אז דער סכום וואס דער צאנזער האט אים דעמאלטס געשיקט איז געווען פונקלאך וואס זיין זון האט געדארפט אויף הוצאות החתונה יארן שפעטער. ר' שלום אליעזר האט אים באדאנקט און אנגעוואונטשן, און ר' חיים איז אהיים געפארן א צופרידינער, זיע"א.

(רשומים בשמך)

***הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לאלפי ספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן-***

ספר עם חתימת הרה"ק ר' נפתלי צבי הורוויץ חתן הרה"ק ר' משה מדעעש 1000$ ספר שאילת יעבץ עם חתימת הגאון ר' שלום גאלדענבערג מסוואליווא ונכדו ר' יצחק אייזיק עפשטיין אב"ד פעטרעווא 1500$ מחצית השקל של שנה א, מצב מצויין עם אישור 48000$, קמיע שקנה לפני 40 שנה בקערעסטיר מיהודי שקיבלו מר' ישעי' מקערעסטיר זיע"א לשמירה וליולדות 50000$, תהלים סלאוויטא ר' משה מנ"ך חסר ב'דפים 15000$ סעט זוהר דפוס ר' משה מסלאוויטא חסר רק דף אחרון ח"א 16500$ ספר מגן אברהם טריסק דפו"ר עם הברכה גליונות רחבים 13000$ זוהר ח"ג סלאוויטא ר' משה חסר שער הראשון עד דף ה יש שער השני 2500$ גמ' מגילה קטן דפוס זיטאמיר 2200$ תיקוני זוהר סלאוויטא ר' משה שפירא עם נייר כחול 6000$ תהלים זיטאמיר קרבן מנחה חסר שתי דפים 6500$ ג' כרכים חומש היכל הברכה בראשית שמות חסרים דברים שלם 5000$ ספר נועם מגדים דפוס שני עם חתימות הגאון ר 'שמואל אהרן רובין מקארטשין בעל בית אהרן ושם עולם ועוד, גם חתימת בנו וחתנו 2500$ פסק דין 3 שורות פון הייליגן נודע ביהודה 45000$, כתב ידו של הגאון ר' יהונתן אייבישיץ,48000$ שו"ת חת"ם סופר דפוס ראשון זייער זעלטן 1000$, שו"ת משיב דבר נצי"ב פול מיט הגהות 1200$ שו"ת הרשב"א עם חתימת הגה"ק מקראסנא עם הגה"ה 800$, שטר פון באבא סאלי לשמירה והצלחה 5000$ שומר אמונים הקדמון ווילנא תרמ"ב חתימות בעל כלי חמדה 600$, ספר צבי לצדיק שייך להגה"צ בעל חלקת יהושע ובנו הגה"ק ר' דוד מתתיהו 1500$ בריוון פון מרחשת, דברי מלכיאל, דער תפארת איש מנאוואמינסק, ר' ברוך בער, ר' שמעון שקאפ, ר' פסח פרוסקין, מהרה"ק מהוסיאטין, מהגאון מקאוונא, מכתב מהרב מאיר כהנא מיר פארקויפן זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן און אויך אלטע געלט, ~ 4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA

T 718 - 438 - 8414 ~ 718 - 633 - 5500 Store Hours are 11:55 -7:30 Fri till 1:30, To receive the pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday. check out our website *WWW.SEFORIMWORLD.C*OM